# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

## NYC היי סקול שילער פאפירענע שילער טיקעט אפליקאציע

לעצטע נאמען

ערשטע נאמען

טעלעפאן

אימעיל

צי האט איר שוין אן אקאונט אויף די NYC Ferry טעלעפאן עפ

יאָ

ניין

וויאזוי ווילט איר מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך

אימעיל

פאָסטן

דיסקאונט קאָוד

**אנערקענונג פון תנאים**

איך אנערקען אז איך האב געלייענט די תנאים וואס זענען פארבינדן מיט די אפליקאציע און איך בין מסכים צו זיי

די היינטיגע דאטום

טייפט אריין אייער נאמען אין די קעסטל אונטן צו אנדייטן אייער אונטערשריפט

אנדערע קאמענטארן

To submit your application, please mail completed applications to:

**NYC Ferry Operated by Hornblower Attn. Ferry Discount Program**
63 Flushing Ave, Building 5,
Suite 100
Brooklyn NY 11205

Or drop off in-person at:

**Pier 11 Ticket Booth**
Pier 11, South Street
New York, New York 10005

# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**תנאים – ניו יארקע היי סקול שילער**

NYC Ferry (פון דא און ווייטער "NYCF") פירט אן דעם פערי שיף דיסקאונט פראגראם (Ferry Discount Program). דער פערי שיף דיסקאונט פראגראם ערלויבט פאר בארעכטיגטע מענטשן צו קויפן אן NYCF טיקעט פאר איין וועג פאר א דיסקאונט )פון דא און ווייטער "דיסקאונט טיקעט"(.

אנגעהויבן פון סעפטעמבער 1, 2024, גיבט NYCF געלעגנהייטן פאר ניו יארק סיטי היי סקול שילער זיך צו באטייליגן אין דעם פערי שיף דיסקאונט פראגראם (פון דא און ווייטער "שילער דיסקאונט פראגראם") און צו באקומען שילער דיסקאונט פראגראם טיקעטס (פון דא און ווייטער "שילער טיקעטס").

פאלגנד זענען אויסגערעכנט די תנאים פאר די וואס זוכן זיך צו באטייליגן אדער וואס זענען בארעכטיגט זיך צו באטייליגן אין דעם שילער דיסקאונט פראגראם, זייענדיג יעצט איינגעשריבן אלס ניו יארק סיטי היי סקול שילער (פון דא און ווייטער "שילער") אדער זייענדיג די לעגאלע אויפציהער פון א קינד וואס איז יעצט איינגעשריבן אלס ניו יארק סיטי היי סקול שילער (פון דא און ווייטער "אויפציהער").

**דורכן אריינגעבן אן אפליקאציע פאר דעם שילער דיסקאונט פראגראם, זענט איר מסכים צו די תנאים.**

**פאדערונגען צו זיין בארעכטיגט פאר א פערי שיף שילער דיסקאונט:**

סיי וועלכער מענטש וואס איז איינגעשריבן אין 9'טע, 10'טע, 11'טע אדער 12'טע קלאס, אדער וואס איז איינגעשריבן אין היי סקול אן א ספעציפישע קלאס און איז 13 יאר אדער עלטער, אין א סקול פון די סיטי סקול דיסטריקט פון די סיטי אָוו ניו יארק אדער אין א טשאַרטער סקול וואס געפונט זיך אינערהאלב די סיטי אָוו ניו יארק.

**איינשרייבונג אין דעם שילער דיסקאונט פראגראם:**
צו באקומען די דיסקאונט פון דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם, מוז איינער פון די עלטערן אדער אויפציהער פון דעם בארעכטיגטן שילער זיך אריינשרייבן אדער עפענען א ניו יארק סיטי סטודענט אקאונט )New York City Student Account, NYCSA(. פאר אינפארמאציע איבער וויאזוי דאס צו טוהן, זעהט **דא**.

אין די NYCSA פארטאל, קענען עלטערן און אויפציהער דרוקן אויף א קנעפל צו פארלאנגען אן NYC Ferry שיף שילער דיסקאונט קאָוד )פון דא און ווייטער "דיסקאונט קאָוד"( וואס וועט ארויסגעגעבן ווערן ספעציעל פאר דעם בארעכטיגן שילער. עס זענען דא צוויי וועגן צו קויפן און נוצן שילער דיסקאונט טיקעטס, און אויפציהער און/אדער שילער מוזן אויסוועהלן צו נוצן די דיסקאונט קאָוד צו באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס אדער אין די NYC Ferry טעלעפאן עפ )פון דא און ווייטער "שילער דיסקאונט עפ טיקעטס"( אדער דורכן קויפן א פאפירענע טיקעט )פון דא און ווייטער "פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס"( ביי די Wall St./Pier 11 טיקעט פענסטער, וואס איז אפן יעדן טאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 7:00 אוונט.

*ביטע מערקט אן*: דיסקאונט קאָודס קענען נאר גענוצט ווערן איין מאל, צי אין די NYC Ferry עפ פאר שילער דיסקאונט עפ טיקעטס אדער אין די פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעט אפליקאציע בויגן צו באקומען פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס.

פאר אינפארמאציע איבער וויאזוי צו נוצן די דיסקאונט קאָוד צו קויפן טיקעטס אויף די NYC Ferry עפּ אדער ביי די Pier 11 טיקעט פענסטער, זעהט אונטן.

**וויאזוי צו קויפן שילער דיסקאונט פראגראם טיקעטס:**

*שילער דיסקאונט עפ טיקעטס*
אויב איר ווילט באקומען שילער דיסקאונט עפ טיקעטס, מוז אן אויפציהער און/אדער דער שילער נעמען די פאלגנדע שריט:

1. זיכער מאכן אז די עפ איז דאַונלאָודעד אויף די טעלעפאן פון דעם אויפציהער אדער שילער.
2. עפענען די NYC Ferry עפ.
3. זיך אריינשרייבן צו אייער NYC Ferry אקאונט אדער עפענען א נייע אקאונט אויב איר זענט א נייער באנוצער.
4. איינמאל איר זענט אריינגעשריבן, דרוקט אויף די קנעפל אויף די אויבערשטע לינקע ווינקל פון די סקרין און דאן דרוקט אויף "Promo Code" )פראומאו קאָוד( אין די מעניו וואס עפנט זיך אויף.
5. לייגט אריין די אייגנארטיגע דיסקאונט קאָוד וואס איר האט באקומען אין די NYCSA אקאונט.
6. איינמאל וואס א גילטיגע דיסקאונט קאָוד ווערט אריינגעלייגט אין די NYC Ferry עפּ, וועט דער באנוצער אויטאמאטיש האבן די אפציע צו קויפן שילער דיסקאונט טיקעטס אין די "Buy Tickets" )קויף טיקעטס( בלאט אין די NYC Ferry עפּ.

*ביטע באמערקט*: אויפציהער זענען נאר ערלויבט צונ וצן א שילער דיסקאונט עפ טיקעט ווען דער שילער איז מיט זיי. אויפציהער זענען נישט ערלויבט צו נוצן שילער דיסקאונט עפּ טיקעטס פאר זייערע אייגענע רייזעס.

# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**תנאים – ניו יארקע היי סקול שילער**

*פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס*

פּאַפּירענע סטודענט דיסקאַונט טיקעטס קענען געקויפט ווערן בײַם Wall St./Pier 11 סטאַנציע טיקעט־פֿענצטער יעדן טאָג פֿון 8:00 אין דער פֿרי ביז 7:00 אָ וונט.

צו באַשטעטיקן אַז אַ שילער איז באַרעכטיקט פֿאַר אַ פּאַפּירענע סטודענט דיסקאַונט טיקעט, מוזן די עלטערן און/אָדער דער שילער אונטערנעמען די פֿאָ לגנדע שריט:

אויספילן אַ פּאַפּירענע סטודענט דיסקאַונט טיקעט אַפּליקאַציע־פֿאָרם. די פֿאָרמען זענען צו געפֿינען אויף דער NYC Ferry וועבזײַט אָדער בײַם Wall St./ Pier 11 סטאַנציע טיקעט־פֿענצטער. ביטע אַרײַנשרײַבן דעם שילערס ערשטן און לעצטן נאָמען, די אימעיל־אַדרעס וואָס איר ווילט נוצן פֿאַר די דיסקאַונט, אײַער טעלעפֿאָן־נומער און דעם ייחודי דיסקאַונט־קאָ ד.

איינמאָל איר האָט אַרײַנגעגעבן די אַפּליקאַציע דורך דער וועבזײַט אָדער דורך אָפּגעבן עס בײַם Wall St./Pier 11 סטאַנציע טיקעט־פֿענצטער, וואַרט ביטע ביז 3 טעג פֿאַ ר אייער פארלאנג צו ווערן איבערגעקוקט.

NYC Ferry וועט אײַך שיקן אַ באַשטעטיקונג־אימעיל מיט אַ בריוו וואָס אָפּיציעל באַשטעטיקט אַז איר זענט באַרעכטיקט צו קויפן פּאַפּירענע סטודענט דיסקאַונט טיקעטס. דאַונלאָדירט און היט אַ וועק דעם בייגעלייגטן בריוו!

ווען איר קומט צום Wall St./Pier 11 סטאַנציע טיקעט־פֿענצטער, ווייזט דעם NYC Ferry טיקעט־אַגענט דעם בריוו כדי צו קויפן פּאַפּירענע דיסקאַונט טיקעטס.

ביטע מערקט אָן: עלטערן טאָרן נישט נוצן אַ פּאַפּירענע סטודענט דיסקאַונט טיקעט. שילער דאַרפֿן ווייזן זייער אייגענע דיסקאַונט טיקעט צום שיף־שטעלער איידער זיי גייען אַ רויף אויף דער שיף.

**כללים פאר אלע שילער טיקעטס:**

- שילער טיקעטס זענען נאר גילטיג אין וואכן טעג.
- שסטודענטן קענען נוצן די הנחה קאודס צו באקומען צוטריט צו סטודענטיאלע הנחה טיקעטס אנגעהויבן פון אנהייב לערניאר ביז צום ענדע אוגוסט.
- שילער און/אדער אויפציהער וועלן נישט האבן קיינע גרעניצן אויף וויפיל שילער טיקעטס זיי קענען קויפן אין יעדע צייט.
- אלע סטודענטן קאודס וועלן אפלויפן אום ענדע אוגוסט און וועלן מער נישט זיין אין קראפט. סטודענטן מוזן זיך ווידעראמאל איינשרייבן צום פראגראם יעדעס יאר פונדאסניי מיט נייע קאודס.
- נאר איין שילער דיסקאונט טיקעט קען גענוצט ווערן אויף איין מאל. נוצן אדער אקטיוויזירן מער פון איין שילער דיסקאונט טיקעט 30מינוט אדער וויניגער אפגערוקט איינע פון די אנדערע וועט נישט ערלויבט ווערן.

שילער דיסקאונט קאָודס און טיקעטס זענען געווידמעט צו גענוצט ווערן נאר דורך דעם בארעכטיגטן שילער אליין, און זיי קענען נישט אריבערגעפירט ווערן צו אנדערע.

**צוריקגעצאלט ווערן פאר נישט גענוצטע טיקעטס:**

שילער דיסקאונט טיקעטס וואָס ווערן נישט גענוצט ביז סוף אוגוסט קענען ווערן צוריקגעצאלט דורך קאנטאקטירן **help@ferry.nyc** .

**פארלוירענע אדער געגנבה'טע פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס:**

פארלוירענע אדער געגנבה'טע פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס וועלן נישט ערזעצט ווערן.

**אפלויף פון איינשרייבונג אין שילער דיסקאונט פראגראם:**

אלע דיסקאונט קאָדס וועלן ווערן אפגעשטעלט סוף אוגוסט, און אלע שילער דיסקאונט טיקעטס אין דער אַפּ אָדער אויף פּאַפּ יר וועלן דעמאלטס אויסגיין.

**באנייען איינשרייבונג אין דעם שילער דיסקאונט פראגראם:**

שילער און/אדער אויפציהער וועלן זיך דארפן פונדאסניי איינשרייבן אין דעם שילער דיסקאונט פראגראם פאר דעם קומענדיגן סקול יאר.

**אוועילעביליטי:**

שילער דיסקאונט טיקעטס וועלן נאר זיין צו באקומען אין די צייט וואס דער שילער דיסקאונט פראגראם איז אין קראפט.

**ענדערונגען צו די תנאים:**

NYC Ferry וועט מעגליך מאכן ענדערונגען צו די תנאים פון דעם שילער דיסקאונט פראגראם אין יעדע צייט דורכן אייך איינמעלדן איבער די ענדערונגען דורך סיי וועלכע שכל'דיגע וועג (איידער זיי גייען אריין אין קראפט), אריינרעכענענדיג דורכן פארעפנטליכן איבערגעארבעטע תנאים אויף די NYC Ferry וועבזייטל. אויב איר נוצט ווייטער דעם שילער דיסקאונט פראגראם נאכפאלגנדיג סיי וועלכע ענדערונגען צו די תנאים, וועט דאס פאררעכנט ווערן אלס צושטימונג צו די ענדערונגען. אויב איר ווילט נישט ווייטער נוצן דעם שילער דיסקאונט פראגראם אונטער די געענדערטע תנאים, קענט איר אויפהערן אנטיילנעמען דורכן לאזן א מעסעדזש פאר NYC Ferry אויף **844-469-3377** אדער שיקן אן אימעיל צו **help@ferry.nyc** .

# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**תנאים – ניו יארקע היי סקול שילער**

**אומאפהעניגקייט פון סעיפים:**

חוץ וואו עס שטייט קלאר אנדערש אין די תנאים, אין פאל וואס סיי וועלכע סעיף פון די תנאים וועט באשטימט ווערן צו זיין נישט גילטיג אדער אויב עס וועט באשטימט ווערן אז קען נישט אינפארסירט ווערן פאר סיי וועלכע סיבה און אויף סיי וועלכע פארנעם, וועלן די איבעריגע סעיפים אין די תנאים נישט אפעקטירט ווערן, און יענע סעיף וועט אויך אינפארסירט ווערן אויף ווי וויט עס איז ערלויבט דורך דעם געזעץ.

**געזעצן וואס גייען ארויף אויף די תנאים:**

איר שטימט צו אז די געזעצן פון די סיטי אָוו ניו יארק – אן זיך רעכענען מיט סיי וועלכע סעיפים איבער סתירות צווישן געזעצן אין אנדערע ראיאנען – גייען ארויף אויף די תנאים און אויף סיי וועלכע מחלוקת'ן וואס קענען ארויפקומען צווישן אייך און NYC Ferry אדער מיט אירע אפיליאירטע קערפערשאפטן.

**אומבארעכטיגונג:**

אויב איר ווערט געפונען צו זיין אומבארעכטיגט צו אנטייל נעמען אין דעם שילער דיסקאונט פראגראם ווייל איר קענט נישט אנקומען צו אן NYCSA אקאונט, באזוכט ביטע דא.

**באגרעניצונגען אויף שילער טיקעטס:**

שילער דיסקאונט טיקעטס קענען נאר גענוצט ווערן דורך שילער. אויפציהער קענען נישט נוצן די שילער דיסקאונט טיקעט צו ארויפגיין אויף א שיף. אויב סיי וועלכער אנדערער מענטש נוצט א שילער טיקעט קען דאס פירן אז איר זאלט ארויסגענומען ווערן פון דעם שילער דיסקאונט פראגראם.

**שטראפן:**

אויב איר ערלויבט פאר סיי וועם חוץ פון דעם שילער וואס איז בארעכטיגט פאר דעם שילער דיסקאונט פראגראם צו נוצן א שילער טיקעט אדער קאָוד, וועט איר ווערן סוספענדירט און נישט קענען נוצן דעם שילער דיסקאונט פראגראם פאר 60 טעג. נאך די 60-טאגיגע סוספענדירונג, קענט איר נאכמאל אפלייען פאר דעם שילער דיסקאונט פראגראם. אויב איר פארלעצט די כלל א צווייטע מאל, וועט איר פארלירן אייער בארעכטיגונג פאר דעם שילער דיסקאונט פראגראם פאר אייביג.

אויב איר גיבט איבער נישט ריכטיגע אינפארמאציע פאר NYCF בכוונה אדער אויב איר פרובירט צו פארפירן אדער אפנארן NYCF אויף סיי וועלכע וועג, וועט איר פארלירן אייער בארעכטיגונג פאר דעם שילער דיסקאונט פראגראם פאר אייביג.

**ארויסגעבן אינפארמאציע:**

NYCF וועט האלטן אינפארמאציע איבער יעצטיגע און געוועזענע אפליקאנטן און אנטיילנעמער אין געהיים, און די אינפארמאציע וועט נאר קענען ארויסגעגעבן ווערן:

- פאר דעם מענטש וועמען'ס אינפארמאציע עס איז אדער פאר דעם לעגאלער פארטרעטער פון דעם מענטש;
- אויב דאס ארויסגעבן די אינפארמאציע ווערט אויטאריזירט דורך דעם מענטש איבער וועם די אינפארמאציע רעדט זיך אדער אויב עס ווערט אויטאריזירט דורך דעם מענטשן'ס לעגאלער פארטרעטער – אויב דער מענטש איז לעגאל נישט אומשטאנד צו גיבן זייער אויטאריזאציע;
- אויב דאס ווערט באפוילן דורך א געריכט וואס האט אויטאריטעט אויף דעם; און
- פאר א געזעץ אינפארסירונג אגענטור אדער דיסטריקט אטוירני'ס אפיס וואס גיבט פאר NYCF א געריכטליכע פארלאנג דערפאר (סאבפינע אדער ווארענט ).

# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**אפט-געפרעגטע פראגן**

**וואס איז דער פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם (Ferry Student Discount Program)?**

דער פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם גיבט געלעגנהייטן פאר NYC היי סקול שילער צו באקומען טיקעטס פאר די NYC Ferry פאר א דיסקאונט ("שילער דיסקאונט טיקעטס") אויף וואכן טעג פאר די צוועק פון פארן פון און צו סקול.

**בין איך בארעכטיגט פאר דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם?**

איר זענט בארעכטיגט פאר דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם אויב איר זענט איינגעשריבן אין 9'טע, 10'טע, 11'טע אדער 12'טע קלאס, אדער אויב איר זענט איינגעשריבן אין א ספעציפישע קלאס אין א פובליק, טשארטער אדער פריוואטע היי סקול אין די סיטי אוף ניו יארק.

**וויאזוי ארבעט דער פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם?**

צו באקומען די דיסקאונט פון דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם, מוז איינער פון די עלטערן אדער אויפציהער פון דעם בארעכטיגטן שילער זיך איינשרייבן אדער עפענען א New York City Student Account (NYCSA). פאר אינפארמאציע איבער וויאזוי דאס צו טוהן, זעהט דא.

אין די NYCSA פארטאל, קענען עלטערן און אויפציהער דרוקן אויף א קנעפל צו פארלאנגען אן NYC Ferry שילער דיסקאונט קאָד וואס וועט ארויסגעגעבן ווערן ספעציעל פאר דעם בארעכטיגן שילער. עס זענען דא צוויי וועגן וויאזוי שילער קענען באקומען טיקעטס פאר א דיסקאונט, און דיסקאונט קאָ דס קענען נאר גענוצט ווערן איינמאל. עלטערן אדער אויפציהער און/אדער שילער מוזן אויסוועהלן נאר איין וועג

וויאזוי צו קויפן און נוצן טיקעטס:

- דורך די NYC Ferry עפּ אדער
- פאפירענע טיקעטס וואס ווערן פארקויפט ביי די טיקעט פענסטער ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע, אפן יעדן טאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 7:00 אוונט.

פאר אינפארמאציע איבער וויאזוי צו נוצן די דיסקאונט קאָד צו באקומען טיקעטס אין די NYC Ferry עפּ אדער ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע טיקעט פענסטער, זעהט ביטע די ענטפערס צו די פראגן אונטן.

שילער דיסקאונט קאָדס זענען גילטיג בלויז פאר באנוץ אינמיטן די וואך. אלע שילער דיסקאונט קאָדס וועלן אפלויפן אינעם סוף פון אויגוסט. שילער מוזן זיך פונדאסניי איינשרייבן אין דעם פראגראם יעדעס יאר.

**וואו קען איך טרעפן די דיסקאונט קאָד אין די NYCSA?**

איינמאל די עלטערן אדער אויפציהער שרייבט זיך אריין צו די NYCSA פארטאל און וועהלט אויס א שילער וואס איז בארעכטיגט פאר דעם פערי

**וויאזוי קען איך נוצן די דיסקאונט קאָוד צו באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס אין די NYC Ferry עפּ?**

אויב איר ווילט באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס אין די NYC Ferry עפּ, מוז איינער פון די עלטערן אדער אויפציהער און/אדער דער שילער אליין נעמען די פאלגנדע שריט:

1. זיכער מאכן אז די NYC Ferry עפּ איז דאַונלאָ ודעד אויף די טעלעפאן פון די עלטערן אדער אויפציהער אדער שילער.
2. עפענען די NYC Ferry עפּ .
3. זיך אריינשרייבן צו אייער NYC Ferry אקאונט אדער עפענען א נייע אקאונט אויב איר זענט א נייער באנוצער.
4. איינמאל איר זענט אריינגעשריבן, דרוקט אויף די קנעפל אויף די אויבערשטע לינקע ווינקל פון די סקרין און דאן דרוקט אויף "Promo Code" (פּראמאו קאָ וד) אין די מעניו וואס עפנט זיך אויף.
5. לייגט אריין די אייגנארטיגע דיסקאונט קאָוד וואס איר האט באקומען אין די NYCSA אקאונט.
6. איינמאל וואס א גילטיגע דיסקאונט קאָוד ווערט אריינגעלייגט אין די NYC Ferry עפּ, וועט דער באנוצער אויטאמאטיש האבן די אפציע צו קויפן שילער דיסקאונט טיקעטס אין די "Buy Tickets" (קויף טיקעטס ) בלאט אין די NYC Ferry עפּ .

## NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**אפט-געפרעגטע פראגן**

**וויאזוי קען איך נוצן די דיסקאונט קאָוד צו באקומען פאפירענע טיקעטס?**
פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעטס קענען געקויפט ווערן דורכן אריבערגיין צו די טיקעט פענסטער ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע. כדי צו פעסטשטעלן אז א שילער איז בארעכטיגט פאר א פאפירענע שילער טיקעט, מוזן די עלטערן אדער אויפציהער און/אדער דער שילער:

1. אויספילן א פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעט אפליקאציע בויגן, וואס איז דא צו באקומען אויף די NYC Ferry וועבזייטל אדער ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע טיקעט פענסטער. אריינשרייבן דעם שילער'ס ערשטע/לעצטע נאמען, די אימעיל אדרעס וואס איר ווילט נוצן פאר די שילער דיסקאונט, אייער טעלעפאן נומער און די אייגנארטיגע דיסקאונט קאָוד.
2. איינמאל איר האט אריינגעגעבן די אפליקאציע בויגן, צי אויפן וועבזייטל אדער ביי די טיקעט פענסטער פון די Wall St./Pier 11 סטאנציע,ווארט ביטע פאר ביז 30 טעג פאר די אפליקאציע צו איבערגעקוקט ווערן.
3. איינמאל עס וועט איבערגעקוקט ווערן, וועט NYC Ferry אייך שיקן א באשטעטיגונג דורך אימעיל מיט א בריוו וואס גיבט אייך אן עמטליכע מעלדונג אויב איר זענט בארעכטיגט צו קויפן פאפירענע טיקעטס. אויב די אפליקאציע ווערט אנגענומען, וועט איר באקומען א בריוו וואס באשטעטיגט דאס. דאַונלאָודט די בייגעלייגטע בריוו
4. ווען איר קומט אן צו די טיקעט בודקע פון די Wall St./Pier 11 סטאנציע, ווייזט די בייגעלייגטע בריוו פאר דעם טיקעט אגענט צו פעסטשטעלן אז איר זענט בארעכטיגט און קויפן פאפירענע טיקעטס.

**וועלכע דאקומענטן זענען פארלאנגט צו אפלייען פאר דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם?**
אויב איר זענט עלטערן אדער אויפציהער און/אדער א שילער וואס האט באשלאסן צו באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס דורכן קויפן ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע טיקעט פענסטער, דאן מוזט איר איבערגעבן די פאלגנדע אינפארמאציע אויף די פאפירענע טיקעט אפליקאציע: ערשטע נאמען, לעצטע נאמען, אייגנארטיגע דיסקאונט קאָוד פון NYCSA, טעלעפאן נומער און די NYC Ferry אקאונט אימעיל אדרעס וואס איר וואלט געוואלט נוצן מיט דעם שילער דיסקאונט פראגראם.

אויב איר זענט עלטערן אדער אויפציהער און/אדער א שילער וואס האט באשלאסן צו באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס דורך די NYC Ferry עפ, דאן פעהלן זיך נישט אויס קיין שום דאקומענטן צו באקומען שילער דיסקאונט טיקעטס. עלטערן אדער אויפציהער און/אדער שילער דארפן נאר אריינלייגן זייער אייגנארטיגע דיסקאונט קאָוד אין די "promo" (פראומאו ) בלאט אויף די NYC Ferry עפ .

**ווי לאנג וועט דאס נעמען פאר מיין פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעט אפליקאציע צו באשטעטיגט ווערן** ?
איינמאל איר גיבט אריין אייער אפליקאציע, ווארט 30 טעג פאר אייער אפליקאציע צו איבערגעקוקט ווערן און אריבערגיין די פראצעדורן.
איינמאל אייער אפליקאציע ווערט איבערגעקוקט, וועט איר איינגעמאלדן ווערן אויב איר זענט בארעכטיגט דורך אן אימעיל פון NYC Ferry .

**מיין פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעט אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן  וויאזוי קען איך באקומען מער אינפארמאציע?**
**אייער אפליקאציע וועט מעגליך צוריקגעוויזן ווערן אויב**

- די דיסקאונט קאָוד ווערט שוין גענוצט.
- די דיסקאונט קאָוד איז נישט ריכטיג.
- די דיסקאונט קאָוד איז אפגעלאפן.

פאר מער אינפארמאציע איבער אייער אפליקאציע ווערנדיג צוריקגעוויזן, קענט איר איבערלאזן א מעסעדזש פאר NYC Ferry אויף **844-469-3377** אדער שיקן אן אימעיל צו **help@ferry.nyc**

**מיין פאפירענע שילער דיסקאונט טיקעט אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן, און איך האלט אז די באשלוס איז נישט ריכטיג. קען איך פארלאנגען אז די באשלוס זאל נאכאמאל איבערגעטראכט ווערן?**
אויב איר גלויבט אז אייער אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן בטעות, קענט איר פארלאנגען אז אייער ערשטיגע אפליקאציע אדער אייער אפליקאציע צו באנייען די דיסקאונט זאל נאכאמאל איבערגעקוקט ווערן. איר מוזט אריינגעבן די פארלאנג ביז פערצן )14( טעג אויפן לוח פון די דאטום אויפן בריוו וואס האט אייך איינגעמאלדן אז די אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן. איר קענט פארלאנגען נאך אן איבערבליק דורכן רופן **844-469-3377** אדער דורכן שיקן אן אימעיל צו **help@ferry.nyc**. אויב א פארלאנגט פאר נאך אן איבערבליק ווערט נישט ערהאלטן אין די 14  טעג, דאן וועט די צוריקווייזונג ווערן עמטליך.

**פאר ווי לאנג וועלן די דיסקאונט קאָודס ארבעטן?**
סטודענטן קענען נוצן די הנחה קאודס צו באקומען צוטריט צו סטודענטיאלע הנחה טיקעטס אנגעהויבן פון אנהייב לערניאר ביז צום ענדע אוגוסט.
אלע סטודענטן קאודס וועלן אפלויפן אום ענדע אוגוסט און וועלן מער נישט זיין אין קראפט. סטודענטן מוזן זיך ווידעראמאל איינשרייבן צום פראגראם יעדעס יאר פונדאסניי מיט נייע קאודס.

# NYC פערי שיף דיסקאונט פראגראם

**אפט-געפרעגטע פראגן**

**איך בין א הײַ סקול שילער וואס איז בארעכטיגט פאר דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם אדער איינער פון די עלטערן אדער אויפזיכער, און איך פאר מיט צוזאמען מיט עטליכע בארעכטיגטע הײַ סקול שילער וואס זענען אלע בארעכטיגט פאר דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם. צי קען איך נוצן די דיסקאונט קאָוד צו קויפן עטליכע שילער דיסקאונט טיקעטס פאר מיין גאנצע גרופע ?**
ניין. עלטערן אדער אויפזיכער און/אדער א שילער וואס האט באקומען א דיסקאונט קאָוד קען קויפן איין (1) שילער דיסקאונט טיקעט צו גענוצט ווערן דורך דעם שילער וואס האט באקומען די דיסקאונט קאָוד. אנדערע בארעכטיגטע הײַ סקול שילער מוזן זיך פארשאפן זייערע אייגענע דיסקאונט קאָוד און זיי נוצן אויף זייערע אייגענע NYC Ferry אקאונט.

**איך האב אריינגעלייגט מיין דיסקאונט קאָוד אויף מיין NYC Ferry אקאונט אין די עפּ, אבער איך קען נאכאלץ נישט אקטיוויזירן מיין שילער עפּ טיקעט.**
מערקט אן אז שילער עפּ טיקעטס קענען נאר אקטיוויזירט ווערן אין מיטן פון די וואך פאר די צוועק פון פארן פון און צו סקול. שילער און/אדער עלטערן אדער אויפזיכערן קענען קויפן שילער דיסקאונט טיקעטס אויף די עפּ אין יעדע צייט. אויב איר האט נאכאלץ פראבלעמען מיט אייער דיסקאונט קאָוד, פארבינדט זיך ביטע מיט help@ferry.nyc .

**צי קען איך צוריק באקומען די געלט פאר א שילער דיסקאונט טיקעט וואס איז נישט גענוצט געווארן?**
אויב שילער דיסקאונט טיקעטס ווערן נישט גענוצט ביז אום סוף אויגוסט, קען די געלט צוריקגעצאלט ווערן דורכן זיך פארבינדן מיט help@ferry.nyc .

**דער איינגעשטעלטער וואס קוקט איבער די טיקעטס אויפן שיף האט נישט אנגענומען מיין פאפירענע שילער טיקעט.**
פאפירענע שילער טיקעטס קענען נאר גענוצט ווערן צו ארויפגיין אויף אן NYC Ferry שיף אין מיטן פון די וואך פאר די צוועק פון פארן פון און צו סקול. שילער און/אדער עלטערן אדער אויפזיכערער קענען קויפן שילער דיסקאונט טיקעטס ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע טיקעט פענסטער יעדן טאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 7:00 אוונט. אויב איר האט נאכאלץ פראבלעמען מיט אייער דיסקאונט קאָוד, פארבינדט זיך ביטע מיט help@ferry.nyc .

**צי קען איך נוצן פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם בענעפיטן אויף אלע NYC פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען?**
ניין. שילער דיסקאונט טיקעטס קענען נאר גענוצט ווערן אויף NYC Ferry רוטס און וועלן נישט אנגענומען ווערן אויף סיי וועלכע אנדערע פובליק טראנספארטאציע מיטל אין דעם ראיאן.

**צי קען איך באקומען טיקעטס פאר דעם פערי שיף סטודענט דיסקאונט פראגראם ביי די טיקעט ווענדינג מאשינען וואס געפונען זיך ביי אלע NYC Ferry סטאנציעס?**
ניין. שילער דיסקאונט טיקעטס קענען נאר געקויפט ווערן אדער אויף די NYC Ferry עפּ אדער ביי די Wall St./Pier 11 סטאנציע טיקעט בודקע פון 8:00 אינדערפרי ביז 7:00 אוונט.

**צי קען מיין מעגליכקייט זיך צו באטייליגן אין דעם פערי שיף שילער דיסקאונט פראגראם האבן צו טוהן מיט מיין אימיגראציע סטאטוס?**
NYC Ferry וועט נישט פרעגן איבער די אימיגראציע סטאטוס פון א שילער אדער פון זייערע עלטערן אדער אויפזיכער, און קיין שום דאקומענט איבער די אימיגראציע סטאטוס וועט נישט פארלאנגט ווערן.